6 דאָס מבול אויף אַ וועלט פֿון רשעים; און מאַכנדיק
צו אַש די שטעט סדום און עמורה, האָט ער זיי
געמשפּט מיט אַן איבערקערונג, זעצנדיק זיי אַלס
7 אַ בײַשפּיל פֿאַר רשעים להבא; און האָט מציל
געווען דעם צדיק לוט, וועלכער איז געקוועלט
געוואָרן דורך דער פֿאַרשײַטער אויפֿפֿירונג פֿון די
8 שענדלעכע מענטשן;—וואָרום ער, דער צדיק,
וואוינענדיק צווישן זיי, האָט געפּלאָגט זײַן גערעכט
נפֿש מיט וואָס ער האָט געזעען און געהערט טאָג
9 אויס טאָג אײַן פֿון זייערע בייזע מעשׂים—אַזוי
ווייסט דער האַר מציל צו זײַן די גאָטספֿאָרכטיקע
פֿון אַ נסיון, רשעים אָבער צו באַהאַלטן צו באַ־
10 שטראָפֿונג אויפֿן יום הדין; און איבערהויפּט די,
וועלכע גייען נאָך שמוציקע תאוות פֿון דעם פֿלייש,
און פֿאַראַכטן איבערהערשאַפֿט; עזות פּנימער,
פֿרעכע, זיי ציטערן נישט צו לעסטערן מאַכטן;
11 וואָס מלאכים, גרעסער ווי זיי אין כּח און גבֿורה,
ברענגען נישט קיין לעסטערנדיק משפּט קעגן זיי
12 פֿאַר דעם האַר. זיי אָבער, ווי אומפֿאַרשטאַנדיקע
חיות, בטבע געבוירן דערצו, געפֿאַנגען און אומגע־
בראַנגט צו ווערן, לעסטערן דאָס, וואָס זיי פֿאַר־
שטייען נישט, זיי וועלן אומקומען אין זייער פֿאַר־
13 דאָרבנקייט, לײַדנדיק דעם שׂכר פֿון אומגערעכ־
טיקייט; (זיי), וואָס האַלטן עס פֿאַר אַ תּענוג, זיך
צו לאָזן וואוילגיין בײַטאָג, (זענען) פֿלעקן און
פֿעלערן, שכּורן זיך אָן מיט זייערע פֿאַרפֿירעריש־
14 קייטן, עסנדיק (און טרינקענדיק) מיט אײַך;
האָבן אויגן פֿול מיט זנות און נישט געזעטיקטע
פֿון זינד; לאָקן צו זיך נישט געפֿעסטיקטע נפֿשות;
האָבן אַן אויסגעאיבט האַרץ צו געלטגײַציקייט;
15 זענען קינדער פֿון אַ קללה; פֿאַרלאָזנדיק דעם דרך